# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
A Seyferl In Alt-Yidish / A Holy Book in Old-Yiddish

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/19p0826s

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

### Author
Chaim Leib Fuchs, Khayim Leyb Fuks /

### Publication Date
1978

### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

**חיים לייב פוקס / מאָנטרעאל**

# אַ ספּרל אין אַלטן יידיש

געווידמעט דעם אמתן אוהב־יידיש, אַברהם גאָלאָמב, צו זיין 90טן געבוירן־טאָג.

אַ ספרל אין אַלטן יידיש
האָט היינט צו מיר גערעדט.
תמימותדיק פאַרחידושט,
ווי מיין מאַמעס אַ געבעט.

די ווערטער ווארע, פרומע
צו מיר שטיל געפלויגן.
פון בחור שלמה בר שמעון
געקוקט מיר אין די אויגן.

איך האָב פאַר זיי פאַרשעמט זיך
מיט מיין יידיש־לשון.
אין האַרץ עס האָט געקלעמט מיך
זיין שרעק פון ווערן אויסגעלאָשן...

איך האָב געזען דעם שרייבער
אין זיינע קראַנקע יאָרן,
זיין ספרל פאַרפּאַסט פאַר ווייבער —
עס לעבט אין מיין זכרון...

דאָס לשון אַלט — נאָר דויערט
פון יענער צייט ביז איצטער — — —
אין טיף האָב איך באַדויערט
זיין לעבן וואָס אויסגעבליצט האָט...

אין פּיודאָ איך זע אים שפּאַנען
מיט זיין חיבור שטילן...
איך וואָלט צו אים געגאַנגען
דערציילן מיינע געפילן —

איך וואָלט אים זיכער זאָגן:
אַזוי איז אונדזער גורל
— מיר לעבן מיטן טאָגן,
נאָר קיינמאָל ווערט פאַרלוירן — — —

דאָס רוישן פון די הערצער,
אונדזער רעדן, זינגען,
צי עס איז אין שירים,
אָדער אין נגינה...

— אַ ספרל אין אַלטן יידיש,
האָט היינט צו מיר גערעדט,
געהייליקט און געקידושט
ווי מיין לעצט געבעט:

ווי ווערטער וואָס איך דאַוון
אין מיין יידיש ליד.
...זאָל דאָס זיין מיין עולם הבא,
מיין גליק צו זיין אַ ייד...

---

שפּיגלט זיך אָפּ אין דער וואַרעמער זון אונטערן בלויען הימל. (אַזוי בערך באַ־צייכענען פּאָעטן די שטאָט), איז היינט געוואָרן אויף יעדן באַרג אַ נייע שטאָט באַזעצט מיט יידן, ווו עס גייט אָן אַן אינ־טענסיווו יידיש לעבן: יידישע געשעפטן, פאַבריקן און לאַבאָראַטאָריעס, וויסנשאַפט־לעכע פאַרשונגען און מעדיצינישע דער־פינדונגען, שולעס און קינדערגאַרטנס, ווו הילכיקע קולות פון תינוקות של בית רבן פילן אָן די לופט מיטן תורה־ניגון און לעבנס־לוסט, און די ליכטיקע, גאָל־דענע ירושלים של זהב, ירושלים של מטה און ירושלים של מעלה שטראַלט אַרויס מיט איר ליכט און קדושה (און אויך מיט אירע פּראָבלעמען און זאָרגן) צו אַלע שטעט אַרום איר און צו אַלע יידן ווו זיי זאָלן ניט זיין —

ווי עס זינגט אהרן צייטלין אין זיין:

## געזאַנג לכבוד ירושלים עיר הקודש

„ס'גייט אַרונטער פון הימל אַ ייד
און מיט ליפּ וואָס גליט
קושט ער די ערד פון ישראל.
מיט יענעם קוש פאַרבינדט ער
ערד און הימל און ייד:
זיי ווערן איינס זאַלבעדריט."